# אויך דיין דור האָט אין בענקשאַפט
# אַזוי אָפּגעלעבט

(צום ערשטן יאָרצייט
פון פנחס נאָלדהאָר).

ס'איז ווידער שוין זומער אין שיינעם לאַנד,
דער פויגל זינגט, די זון איז בלענדיק.
און אויף די ציגל פון מיין שכנס וואַנט —
ווינטער אַזוי ווי שטענדיק.

אַ פרעמדער נאָך אַלץ אויף מיין אייגענער שוועל,
איך זע ווי מיין שכן קערט אָפּ זיין פּנים
און איך אַ פאַרנאַרטער פרווו און פאַרשטעל
מיין פרעמדקייט, וואָס כ'ווייס נישט ווי איך זאָל
פאַרטאָן עס.

כ'ווייס נישט אַוו — כ'פאַרטו עס דאָך פאַרט,
ווי ס'טוט עס אַ יעדער — דער צי אַ צווייטער:
כ'בויג זיך אַראָפּ צו אַ טרויעריק וואָרט,
פאַרבלייב שוין אַזוי און לעב אַן ווייטער.

וואָס ווייטער מיינט? ס'מיינט גאָרנישט מיט גאָר,
אַ סימן — אַט טו איך שוין ווידער קומען
צום גראָז אַרום דיר, וואָס איז אַלט שוין אַ יאָר,
צום שטיין איבער דיר צו דערמאָנען דיין נאָמען.



אויך דיין נאָמען פאַרצאַנקט שוין אַזוי ווי אַ קניט,
נאָר נישטאָ אויך אויף דעם וואָס פאַראיבל צו האָבן,
נאָך אַן איינזאַם לעבן, בלייבט איינזאַם דער טויט,
דערצו ווען מען איז אַזוי פרעמד באַגראָבן.

איך שטיי איבער דיר — אין מיין האַנט אַ גראָז,
ער איז האַרט און שטעכיק, כאָטש נעם און צעטרעט אים.
נאָר מסתמא ווייס ער, דער גראָז, פאַרוואָס
ער דאַרף פון מיין האַנט זיך נישט לאָזן גלעטן.

פרעמד איז דאָס לאַנד מיר, אור־אַלט פרעמד,
אָט, אַ פשוטער גראָז און איז גרייט צו פאַרשעמען,
נאָר כ'בין נישט פאַרדראָסיק, בלייב נישט פאַרשעמט,
כאָטש שווער איז מיר אַלץ נאָך דאָס קלאָר צו באַנעמען.

פאַרגיב־זשע דערפאַר מיין געבראָכנקייט היינט,
כ'האָב נישט געמיינט איצט אַזוי־אַ צו קומען,
נאָר כ'געדענק ווי אויך דו האָסט אַמאָל זיך צעווויינט
און ס'האָט נישט דאַן קיינער ס'געוויין דיינס פאַרנומען.



איצט ווייסטו נישט מער. היימיש ביז גאַר
איז די ערד דיר פון לאַנג שוין מסתמא געוואָרן,
דאָס גראָז אַרום דיר איז אַלט שוין אַ יאָר,
אַ שטיין איבער דיר — לשם הזכרון.

און דאָס וואָס דו האָסט דיינע טעג אָפּגעשטערבט
נאָך פרייד, וואָס מען האָט דיר פאַרגעסן צו שענקען?
— אויך דיין דור האָט אין בענקשאַפט אַזוי אָפּגעלעבט
און דער צווייטער נאָך אים וועט אים מער נישט געדענקען.

זיי מוחל מיין יאוש. און אבל בין איך,
כ׳זאָג קדיש, ווי ס׳פּירט זיך, און זאָג אויך נאָך אמן,
און דאָס דאָזיקע ליד — זאָל עס זיין אַ יאָרצייט־ליכט
צו באַלייכטן אויף ווייטער אין מיר דיין נאָמען.

1948